זיי זענען אַוועקגעגאַנגען קויפן, איז דער חתן
געקומען; און די, וואָס זענען געווען גרייט, זענען
אַריינגעגאַנגען מיט אים אויף דער חתונה. און די
11 טיר איז פאַרשלאָסן געוואָרן. און שפּעטער קומען
אויך די איבעריקע יונגפרויען, און זאָגן: האַר, האַר,
12 עפן אונז אויף! ער אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט:
13 באמת זאָג איך אייך, איך קען אייך נישט! וואַכט
זשע; ווייל איר ווייסט נישט דעם טאָג, און אויך
נישט די שעה.
14 וואָרום גלייך ווי אַ מענטש פאָרן אַוועקפאָרן,
האָט צונויפגערופן זיינע קנעכט, און זיי איבערגעגע־
15 געבן זיינע גיטער; און איינעם האָט ער געגעבן
פינף טאַלאַנטן, דעם אַנדערן צוויי, און דעם דריטן
איינעם; יעדן לויט זיין אייגענעם כח; און איז באַלד
16 אַוועקגעפאָרן. און דער, וואָס האָט באַקומען די
פינף טאַלאַנטן, איז געגאַנגען און האָט געהאַנדלט
17 מיט זיי, און פאַרדינט אַנדערע פינף. דעסגלייכן
דער, וואָס האָט באַקומען די צוויי טאַלאַנטן, האָט
18 פאַרדינט אַנדערע צוויי. דער אָבער, וואָס האָט
באַקומען דעם איינעם, איז געגאַנגען און האָט
געגראָבן אין דער ערד, און פאַרבאָרגן זיין האַרס
19 געלט. און נאָך אַ לאַנגער צייט קומט דער האַר פון
20 יענע קנעכט, און מאַכט אַ חשבון מיט זיי. און עס
איז געקומען דער, וואָס האָט באַקומען די פינף
טאַלאַנטן, און האָט געברענגט אַנדערע פינף
טאַלאַנטן, און געזאָגט: האַר, דו האָסט מיר איבער־
געגעבן פינף טאַלאַנטן; זע, איך האָב פאַרדינט
21 אַנדערע פינף טאַלאַנטן. האָט זיין האַר געזאָגט צו
אים: וואויל! דו גוטער און געטרייער קנעכט! ביסט
געווען געטריי איבער ווייניק, איך וועל דיך זעצן
22 איבער אַ סך; גיי אַריין צו דיין האַרס שמחה! איז